udi keskkool
הגמנסיה
העברית
בדורפט

יוגנט-ביבליאָטעק „חבר"

# לעגענדעס



# וועגן ווילנער גאון

ר' אליהו ב"ר שלמה זלמן ז"ל.

געקליבן פון מענטשן און ספרים פון ח. לונסקי.

## תיקון טעות:

זייט 7 שורה 1 שטייט—פאָטער—דאַרף זיין—ברודער (ר׳ דוד
קאַצענעלענבויגן, קוידאַנאָווער רב.

„ „ 7 — טשערנאָוויטש—ד. ז.—טשעכנאָוויטש.

„ 23 „ 28 ביי די ווערטער „נסתלק געוואָרן״—פעלט די
דאַטע: דעם דריטן טאָג חוה״מ סוכות תקנ״ח
(1777) אין עלטער פון 77 יאָר מיט 6 מאָנאַטן.

„ 24 אונטער דעם בילד פעלט די אונטערשריפט:
דער מקום אין קלויז הגר״א, ווו דער גאון איז
איז געזעסן 40 יאָר און געלערנט.

---

TARTU ÜLIKOOLI
RAAMATUKOGU

פארלאג
„די נייע יידישע פאלקסשול״
ווילנע
1924

דרוק ש. עפשטיין שטראשון גאַס 6.

---

Legendes wegen Wilner Guen. Ch. Lunski.

# איי̇ניקע לעגענדעס וועגן ווילנער גאון.

געקליבן פון מענטשן און ספרים.

## די עלטערן פון ווילנער גאון און זיינע יוגנט־יאָרן.

דער ווילנער גאון איז געבאָרן געוואָרן אין ווילנע דעם ערשטן טאָג פסח ת״פ (1720); זיין וויגעלע איז געשטאַנען אויף דעם אָרט, וואו עס שטייט איצט די בימה אין קלויז, וועלכע רופט זיך אויף זיין נאָמען „גאונס קלויז״.

זיין מוטער האָט געהייסן טריינע און האָט געשטאַמט פון סעלץ, אַ קליין שטעטל לעבן בריסק. עס ווערט דערציילט וועגן איר פאָלגנדיקע לעגענדע:

איינמאָל זיינען אירע עלטערן געפאָרן מיט איר אויף אַ חתונה; זי איז נאָך דאַן געווען אַן עופעלע, געלעגן אין אַ קישעלע. זיי האָבן געדאַרפט דורכ־פאָרן אַ טייך לעבן ראָמאַנאָווע, ניט ווייט פון סלוצק, און זי איז מיט דער קישעלע אַריינגעפאַלן אין טייך. בדרך נס האָט מען זי אַרויסגעראַטעוועט, ווי זי איז געשוואומען אויף איר קישעלע; נאָכדעם האָט מען זי אַוועקגעלייגט אויף אַ הייסן אויוון טריקענען, האָט זי אַ פיסל פאַרברענט. דערנאָך האָט מען זי אָפּגעגעבן אויף אַ ישוב צו האָדעווען. דאָרטן איז אויסגעבראָכן אַ מגפה. אין דער הויז, וואו זי האָט זיך געהאָדעוועט, זיינען אַלע אויסגעשטאָרבן. אויפן דריטן טאָג, ווען מ׳איז געקומען צונעמען די מתים, האָט מען דערהערט אַ קינד שרייט. מ׳האָט גענומען זוכן און געפונען צווישן די מתים דאָס קינד. האָט מען זי אַוועקגעטראָגן צום רב, האָט דער רב געזאָגט, אַז זי איז ניצול געוואָרן פון וואַסער, פייער און מגפה, מסתמא וועלן פון איר אַרויסקומען גרויסע לייט. שפּעטער האָט זי געבאָרן דעם גאון.

זיין תלמיד, ר׳ חיים וואָלאָזשינער, אַז ער פלעגט קומען לעבן דעם טייך, פלעגט ער מאַכן אַ ברכה אויף דעם נס און פלעגט זאָגן, אַז ווען זי וואָלט זיך דערטרונקען, וואָלט איך דאָך קיין רבין ניט געהאַט. וועגן איר ווערט דערציילט נאָך אַ נס, וואָס האָט מיט איר געטראָפן: אין יידישער גאַס האָבן זיך פלוצלונג אַריינגעריסן פוילישע ריטער אויף היציקע פערד אין די הענט האָבן די ריטער געהאַט רימענע קאַנטשיקעס מיט זילבערנע הענטלעך, מיט וועלכע זיי האָבן געהיצט און געיאָגט זייערע פערד, אַלץ פאָראויס דורך דעם שמאָלן יידישן געסל. גייט גראָדע אַרויס ר׳ שלמה זלמנס (אַזוי האָט געהייסן דעם גאונס פאָטער) פרוי, די רביצין, פון איר שטוב אין שול אַריין, ווייל דאָס איז שחרית־צייט געווען. גייט זי מיטן „קרבן מנחה״־סדור אונטערן אָרים, פּאַמעלעך, טראָט ביי טראָט, ווייל זי איז שוואַנגער געווען.

און פלוצלונג זעט זי פאַר זיך די צעהיצטע ריטער, וואָס טראָגן מיט די פערד גלייך אויף איר, צו פאַר אינדערברייט און פאַרנעמען דאָס גאַנצע געסל

קיין טויער, קיין טיר און קיין קרעמל איז ניט געווען ביי די זייטן פון געסל, ווייל פּאַרצייטן פלעגן זיך די גאַסן אַנדערש אויפשטעלן: שמאָל־שמאָל איז די גאַס, און די ווענט פון די הייזער זיינען ביזן צווייטן שטאָק בלינד, אָן פענסטער, אָן טיר און טויער, כדי אַ שונא, וואָס וועט אין גאַס ווען אָנ־קומען, זאָל ניט האָבן וואוהין צו אַריינדרינגען. איז קיין אָרט פאַר דער רביצין ניט געווען, וואו צו באַהאַלטן זיך, לויפן צוריק איז אוממעגלעך, ווייל לויפן האָט זי ניט געקענט, און די צעהיצטע פערד וואָלטן זי סיי־ווי דעריאָגט און צעטראָטן אין פינף טריט אַרום.

יאָגן די ריטער די פערד נאָך מער, צו שפּאַסן פון דער טראָגעדיקער „זשידאָווקע", וואָס האָט ניט און ווייס ניט, וואו זיך צו באַהאַלטן.

קוקן יידן פון די אויבערשטיבלעך, ווי די רביצין איז אין געפאַר, און שרייען מיט שרעק, מיט צווייפל, ווייבער און מיידלעך פאַלן אין חלשות, און קריצן מיט די ציין, יונגע בחורים און גרייז־גראָע יידן פאַלן אין אוממאַכט און קרעכצן מיט האַרץ: „רבונו של עולם"!

און ס'יאָגן די ריטער, ס טראָגן זיך די פערד, ס'הודזשעט די ערד פון זייערע טריט. שטעלט זיך די רביצין צום וואַנט מיטן פּנים, דאָס נפשל אונטער איר ברוסט פון ניינטן חודש זאָל לעבעדיק בלייבן, און זאָגט שטיל שמע ישראל...

ס'טראָגט זיך שוין דער אָטעם פון די פערדישע מיילער אויפן רביצינס פּנים.

דריקט זיך די רביצין צום וואַנט פעסטער און פעסטער, פאַרמאַכט די אויגן פון שרעק און שעפּטשעט שטיל אין האַרצן דעם שמע...

טוט זיך פלוצלונג די וואַנט אַ רוק אויף אַ הויך פון אַ מענטשן, און נעמט די רביצין אין זיך אַריין.

טראָגן זיך די ריטער פאַרביי אַ פּאָר נאָך אַ פּאָר און קוקן מיט וואונ־דער, קוקן איבערראַשט, און לאָזן די צוים פון די הענט אַרויספאַלן. זיי פאָרן לאַנגזאַם, צערודערט, די אויגן אַראָפּגענידערט, און מחשבות פון צווייפל נאָגן זייער האַרץ. און אין וואַנט שטייט די רביצין גערעטעט און שעפּטשעט: „גע־וויס איז עס אין זכות פון קינד". קומען צו זיך די ווייבער און מאַנסביל, וואָס זיינען פון שרעק אין חלשות געפאַלן, וואַשן די הענט און גיבן אַ תודה דעם רבונו של עולם.

און עד היום שטייט נאָך די וואַנט, וואָס האָט אין זיך אַן אָרט געמאַכט פון געפאַר צו באַהאַלטן די רביצין און דאָס קינד אונטער איר האַרצן — דעם גאון פון ווילנע...

די רביצין איז געשטאָרבן אַלט זייענדיק איבער 90 יאָר, איר קבר איז לעבן איר זון דעם גאון, און אויף איר מצבה איז אויפגעשריבן דער פּסוק פון תהילים „אם ה' בנים [1]) שמחה", ד. ה. די מוטער, וועלכע האָט געבאָרן גרויסע לייט, פרייט זיך.

---

[1]) ה' בנים (ה—פינף) — פינף זין.

דעם גאונס פּאָטער האָט מען גערופן ר׳ שלמה־זלמן; ער איז געווען אַ זון פון ר׳ ישכר־בער, און ר׳ ישכר־בערס פּאָטער האָט מען גערופן ר׳ אליה חסיד, וועלכער איז געווען אַ פּרנס[1]) און אַ דיין אין ווילנע.

וועגן אים ווערט דערציילט, אַז ער איז געשטאָרבן אין אַלטן קלויז לערנענדיק מיט דער גמרא אין האַנט. (נאָך אים האָט מען אַ נאָמען געגעבן זיין אייניקל דעם ווילנער גאון).

זיין פאָטער איז געווען דער גרויסער גאון ר׳ משה קרעמער, ווילנער רב. מ׳האָט אים גערופן קרעמער, ווייל זיין ווייב האָט געהאַלטן אַ קראָם און ער איז געזעסן און געלערנט; מ׳וואָלט פון אים אפשר גאָרניט געוואוסט, נאָר אַז דער ווילנער רב, דער גרויסער צדיק ר׳ נחמן לאַדימירער, האָט געהאַלטןביים שטאַרבן, האָט ער צונויפגערופן די רבנים מיט די פּרנסים פון גאַנץ ווילנע און האָט זיי אָנגעזאָגט, אַז זיי זאָלן אויפנעמען פאַר אַ רב איינעם ר׳ משה, וואָס זיין ווייב האַלט אַ קראָם אין יידישער גאַס. וועט ער דאָך געוויס ניט וועלן און זאָגן, אַז ער איז ניט ראוי דערצו, זאָל מען אים זאָגן, אַז ר׳ נחמן לאַדימירער האָט געהייסן.

אַזוי איז געווען, און ר׳ משה איז קוים מרוצה געוואָרן, נאָר בתנאי, אַז מען זאָל אים קיין שכירות ניט צאָלן, ווייל זיין ווייב האָט דאָך אַ קראָם.

ער איז אָבער געווען זייער באַליבט ביי אַלעמען, האָבן אים די שטאָט־לייט מהנה געווען מיט פדיון[2]). איינמאָל האָט ר׳ משה באַמערקט, אַז זיין ווייב פירט זיך עפּעס מיט מער הרחבה ווי אַלע מאָל. האָט ער זיך דערשראָקן, ער האָט געמיינט, טאָמער נעמט זי חס־ושלום בסתר שכירות פון קהל. האָט ער איר געבעטן, זי זאָל אים דערציילן פונוואַנען נעמט זי עס. האָט זי אים געזאָגט, אַז פון גאַנץ שטאָט קומט מען איר געבן צו לייזן. האָט ר׳ משה תיכף גענומען אַ פּאַפּיר און אויסגערעכנט די הוצאה פון אַ גאַנצע וואָך און אָנגעזאָגט זיין רביצין, אַז אויב אַפילו זונטאָג אינדערפרי׳ וועט זי האָבן אַזויפיל פדיון, דאַרף זי אַ גאַנצע וואָך האַלטן די קראָם פאַרמאַכט, ווייל אַנדערע קרעמער דאַרפן אויך האָבן פּרנסה.

ר׳ שלמה־זלמן, דעם גאונס פאָטער, איז געווען אויך אַ אייניקעל פון גרויסן גאון ר׳ משה רבקש, וועלכער איז אַנטלאָפן צופוס צוזאַמען מיט אַלע יידן פון ווילנע אין יאָר תט״ו (1656), בשעת כמעלניצקי מיט זיינע קאָזאַקן זיינען נאָך גזרת ת״ח אין יאָר תט״ו באַפאַלן אויך ווילנע, האָבן אויסגעהרגעט אין איין טאָג 30 טויזנט מענטשן און אונטערגעצונדן די שטאָט, וועלכע האָט גע־ברענט 17 טעג נאָכאַנאַנד. ער האָט מיט זיך מערניט מיטגענומען ווי זיין שטעקל, זיין טלית און תפילין מיט אַ לוח צו וויסן, ווען עס איז שבת און יו״ט, און אַזוי איז ער געקומען צופוס אין אַמסטערדאַם. דאָרטן האָט מען אים געבעטן מאַכן אַ חיבור אויפן שולחן־ערוך, און כאָטש ער איז געווען

---

[1]) אַ שטאָט־פירער.

[2]) פלעגן אַלע קומען קויפן ביי אים אין קראָם.

אַזוי צעבראָכן פון דעם נע־ונד און פון דעם גלות אינדערפרעמד און אָן ספרים, דאָך האָט ער געמאַכט דעם חיבור, וועלכן ער האָט אַ נאָמען געגעבן „באר הגולה“, ד״ה דער ברונען פון גלות, וועלכער האָט אויפגערעשט די וועלט. נאָכדעם האָט ער זיך אומגעקערט צוריק אין ווילנע.

דער „באר הגולה“ [1]) איז געווען אויך אַ גרויסער עושר, דער מפורסמדיקער ווילנער „דורכהויף“ האָט געהערט צו אים; ער האָט אויך געלאָזן אַ עזבון [2]) צו שטיצן אָרימע לומדים; און אַזוי ווי ר׳ שלמה־זלמן דעם גאונס פאָטער איז געווען זייער אָרים און געזעסן „על התורה ועל העבודה“, האָבן די פרנסים אים אויך באַשטימט פון דעם עזבון צוויי צענער אַ וואָך. ער האָט געלערנט אין גרויס דחקות. פאַרן טויט האָט ער אָנגעזאָגט, אַז אויף זיין מצבה זאָל מען מעג ניט שרייבן „פ״נ [3]) איש תם וישר ר׳ שלמה זלמן ב״ר ישכר בער“. זיין קבר איז לעבן זיין זון דעם גאון.

דער גאון האָט געהאַט 5 ברידער; ער איז געווען דער בכור. פון קינד־ווייז אָן איז ער געווען אַ וואונדערבאַר־געזונט און שיין קינד. אויך זיינע גאונות האָט זיך זייער פריי אַרויסגעוויזן, און צו 6 מיט אַ האַלב יאָר האָט מען אים ערלויבט צו האַלטן אַ דרשה אין ווילנער גרויסער שול, וואָס אַפילו אַלטע גאונים האַלטן עס פאַר אַ גרויסן כבוד, אַז זיי זיינען זוכה צו האַלטן דאָרט אַ דרשה.

די דרשה האָט די שטאָט אַזוי אויפגערעשט, אַז דער דאַמאָלסטיקער ווילנער רב, דער גרויסער גאון ר׳ הערשעלע, האָט געבעטן, מען זאָל ברענגען צו אים דעם וואונדערבאַרן קינד צו שלש־סעודות. ווי דער מנהג איז דאַן געווען, פלעגן זיך דאַמאָלסט צונויפקלייבן צום רב אַלע גרעסטע לומדים פון שטאָט, און מען פלעגט פאַרברענגען אין תורה. דאַן האָט דער רב אויסגעהערט די דרשה פון קינד, וואָס זיין פאָטער האָט אים אויסגעלערנט, און דער רב איז איבערראַשט געוואָרן פון דער קלאָרקייט פון דעם קינדס פאַרשטאַנד און פון די שאַרפע תשובות אויף די שאַלות, וואָס ער האָט אים געפרעגט.

אין אַ יאָר אַרום איז געקומען אין ווילנע צו ר׳ יוסף עטקעס צו גאַסט זיין איידים, דער גרויסער גאון ר׳ אַברהם קאַצענעלנבויגן, וואָס איז געווען בריסקער רב. צוליב זיין כבוד וועגן, האָט ר׳ יוסף געמאַכט אַ גרויסע סעודה און איינגעלאַדן אַלע ווילנער גרויסע לומדים, צווישן זיי אויך ר׳ שלמה זלמן, וועלכער איז געקומען צוזאַמען מיט זיין וואונדערבאַרן קינד.

ר׳ אַברהם, ווערנדיק נישתומם פון קינד, האָט אויסגעפועלט ביי זיין פאָטער, וועלכער איז געווען זייער אָרים, אַז ער זאָל אים איבערגעבן דאָס קינד, און ער וועט אים אויסהאַלטן אויף זיינע קאָסטן, אויך וועט ער מיט אים לערנען.

---

[1]) אַזוי האָט מען אים גערופן נאָך זיין חיבור.

[2]) אַ ירושה.

[3]) פ״נ — פה נטמן — דאָ איז באַהאַלטן.

אויף צוריקוועגס קיין קיידאַן צו זיין פאָטער האָט ער אים דאָרטן איבער־געלאָזן און דאָרט האָט מיט אים אַ פערטל יאָר געלערנט ר׳ משה מרגליות; דערנאָך, אַז ר׳ משה איז אַוועקגעפאָרן אין אַמסטערדאַם דרוקן זיין חיבור „פני משה" אויף ירושלמי [1]), האָט זיך ר׳ אליהו אומגעקערט אַהיים צו זיינע עלטערן. פון דאַן האָט ער שוין מער קיין רביים ניט געהאַט, מערניט צו צען יאָר האָט ער אַ קורצע צייט געהאַט צוויי חברים, איינער ר׳ אַריה־לייב, וועלכער איז דערנאָך געוואָרן רב אין טשערנאָוויטש, און ר׳ חיים, וועלכער איז נאָכדעם געוואָרן „שטאָט־מגיד" אין ווילנע. זיינע צוויי חברים האָבן זיך שפּעטער באַצויגן צו אים מיט גרויס רעספּעקט און אים גערופן „רבי".

זייענדיק אין קיידאַן ביים רב ר׳ דוד קאַצענעלנבויגן, האָט ער זיך איינמאָל שמיני־עצרת ביינאַכט דערמאָנט, אַז ער האָט אַ נדר געטאָן אין יענעם יאָר דורכלערנען די צוויי גמרות, „זבחים" און מנחות", די שווערסטע גמרות פון גאַנץ תּלמוד, און ענדיקן זיי שמחת־תּורה, אין דעם טאָג, וואָס אַלע יידן ענדיקן די תּורה און מען פרייט זיך מיט איר; און דאָ איז שוין אָנגעקומען די צייט און ער האָט נאָך די גמרות גאָר ניט אָנגעהויבן, ווייל אַ גאַנץ יאָר האָט ער זיך גאָר עוסק געווען מיט גרויס התמדה אין אַנדערע לימודים. איז ער אַוועק אין אַן אַנדער חדר און ער האָט אָנגעהויבן צו לערנען די גמרא „זבחים" מיט גרוס התמדה.

ביים רב האָט זיך דאַן געפונען דער גרויסער גאון ר׳ מיכל דאַטנאָווער, וועלכער האָט זייער ליב געהאַט דאָס קינד צוליב זיין טיפן פאַרשטאַנד. אַז ר׳ מיכל האָט געזען, אַז דאָס קינד האָט פאַרלאָזן זיין חדר שוין 2 שעה און איז ניטאָ, איז ער געגאַנגען אים זוכן. האָט ער אים געפונען, ווי ער זיצט אין זיין חדר און האַלט שוין די 50־סטע בלאַט גמרא; האָט זיך ר׳ מיכל פאַרוואונדערט, ער האָט געמיינט אַז ער בלעטער מערניט, וואָרים ווי קאָן דאָס אַזאַ יונג יינגל אָפּלערנען אין 2 שעה 50 בלאַט אַזוינע שווערע גמרא. האָט ער אָנגעהויבן אים צו פאַרהערן און האָט אים געפרעגט שווערע פראַגן פון אַלע סוגיות (ענינים); דאָס קינד האָט אים זייער גוט געענטפערט. איינדער־פרי איז ר׳ מיכל אַריין, האָט ער געזען, אַז דאָס יינגל האָט שוין באַלד גע־ענדיקט דיביידע גמרות. אַז ער האָט אים געגומען ווייטער פרעגן, האָט ער אים געענטפערט מיט אַזאַ טיפקייט, אַז ר׳ מיכל איז נשתּומם געוואָרן און האָט געזאָגט: „איך בין בטוח, אַז דאָס יינגל וועט די וועלט פאַרשיינען מיט זיין תּורה און חכמה".

אַז דער גאון איז אַלט געווען 8 יאָר, האָבן זיך איינמאָל צונויפגעקליבן פיל גרויסע גרייז־גרויע לומדים צוזאַמען צו לערנען דעם ספר „משנה תּורה", וואָס רבינו משה בן מיימון, וועלכער איז מפורסם אונטערן נאָמען „רמב"ם", האָט מחבר געווען. איז זיי געווען שווער צו פאַרשטיין דעם ענין פון „קדוש־

---

[1]) ירושלמי — די גמרא, וועלכע די תּנאים פון ארץ־ישראל האָבן מחבר געווען.

החודש"[1]), ווייל דערצו פאָדערט זיך גרויסע ידיעות אין אַסטראָנאָמיע, איבער־הויפּט וועגן דעם גאַנג פון דער ערד מיט די איבעריקע מזלות[2]), און כדי זיי זאָלן קענען דאָס בעסער פאַרשטיין, האָבן זיי געמאַכט קוילן, אויף וועלכע זיי האָבן געמאַכט ציורים פון דעם גאַנג פון דער ערד מיט די מזלות.

איינמאל ראש־חודש האָבן זיך די אַלטע לומדים פאַרזאַמלט אין איין אָרט און יעדערער האָט געבראַכט זיין קויל מיט די ציורים, אָבער אַפילו זייענדיק אַלע צוזאַמען, און מיט ציורים, האָבן זיי אויך ניט געקענט פאַר־שטיין ריכטיק דעם רמבמ"ס רייד.

אויך דער גאון אין יענער צייט, אַז ער פלעגט קומען אַהיים, ניט גע־פינענדיק פאַרטיק דאָס עסן, פלעגט ער זיך דערווייל עוסק זיין אין אַ ספר פון אַסטראָנאָמיע, וועלכן ער האָט געפונען ביי זיין פאָטער אין אוצר הספרים, ווייל ער האָט אַ מינוט ניט געקענט זיצן ליידיק. אין אַ קורצער צייט האָט ער גוט דערלערנט די חכמה פון אַסטראָנאָמיע און האָט שוין געוואוסט גוט דעם גאַנצן גאַנג פון דער זון מיט די שטערן, און ער האָט אויך געמאַכט אַ קויל מיט אַלע ציורים פון גאַנג פון דער ערד מיט די מזלות.

ווען דער גאון האָט זיך דערוואוסט, אַז די לומדים מאַטערן זיך זייער פיל און קענען ניט פאַרשטיין די רייד פון רמב"ם, איז ער אַוועק, האָט אַ קוק געטאָן און האָט גלייך באַמערקט, אַז זיי פאַרשטייען ניט צוליב דעם, ווייל דער סטאָלער האָט זיי ניט געמאַכט ריכטיק די קויל. האָט ער זיך אָפּגערופן צו זיי:

— הערט נאָר צו, רבותי! ניט צוליב גרויס האַלטן זיך מיט מיין חכמה זאָג איך עס אייך, נאָר צוליב דער חכמה פון דער תורה; איך זע, אַז אייך איז שווער צו פאַרשטיין דעם ענין, ניט ווייל איר פאַרשטייט ניט דעם רמב"ם, נאָר ווייל דער סטאָלער האָט געמאַכט ניט ריכטיק די קוילן. און אַזוי ריידנדיק, האָט ער אַרויסגענומען זיין קויל, האָט זיי באַוויזן און האָט זיי ערקלערט נאָך זיין קויל די גאַנצע רייד פון רמב"ם. זיינען זיי אַלע איבער־ראַשט געוואָרן פון קינדס חכמה.

אין דער קורצער צייט, וואָס ער איז געווען אין קיידאַן, האָט אים דאָרט איינער פון די קיידאַנער גבירים און נכבדים ר' יהודה לייב זיין טאָכטער פאַר אַ פרוי געגעבן, און כדי מען זאָל אים ניט שטערן אין לערנען, איז ער ניט געזעסן ביים שווער אין שטוב, נאָר ווייט פון שטאָט אין אַ קליין שטיבעלע אין אַ וואַלד, וואָס מער ווי זיין פרוי די צדקניות חנה האָט ניט געוואוסט. איז ער געזעסן מיט איר צוזאַמען און געלערנט מיט אַ איבערנאַטירלעכער התמדה טאָג און נאַכט. זיין פרוי חנה איז נפטר געוואָרן ה' כסלו תקמ"ג (1783). ער האָט אויף איר געזאָגט, אַז אירע צדקות איז ניט אויסצושרייבן, און אויף איר מצבה אויפן ווילנער בית־עלמין האָט ער געהייסן אויסקריצן „לא הניחה תמורה וערך, לספר שבחה אין נתיב ודרך"[3]).

---

[1]) דער ענין וועגן איינשטעלן ריכטיק די חדשים.

[2]) פלאַנעטן.

[3]) זי האָט ניט געלאָזן איר גלייכן, דערציילן אירע שבחים איז גיטאָ קיין ווערטער.

## דער גאון ריכט אָפּ גלות.

אַז דער גאון איז אַלט געוואָרן צוואַנציק יאָר, האָט ער, אַזוי ווי אַלע צדיקים און גאונים פון יענער צייט, אָפּגעריכט גלות און געווען נע־ונד 5 יאָר אין פיל פרעמדע שטעט און מדינות, כדי אַ ביסל אָפּצוקומען. ניט קוקנדיק, וואָס ער האָט ניט מגלה געווען ווער ער איז, האָט מען אים דאָך דערקענט און מ׳האָט אים אָפּגעגעבן גרויס כבוד.

אָפּריכטנדיק גלות, איז איינמאָל דער גאון געקומען אין אַ קליין פּויליש שטעטל דאָנערשטאָג ביינאַכט. ער איז אַריין אין בית־מדרש און האָט געלערנט אַ גאַנצע נאַכט. אינדערפרי נאָכן דאַוונען האָט דער גאון געזען, ווי אַן אַלטע פרוי האָט געבראַכט עסן אַ בלינדן זקן, וואָס איז געזעסן אַ גאַנצן טאָג איינ־געוויקלט אין טלית און תפילין און געלערנט אויסווייניק.

ביים עסן רופט זיך אָפּ דער בלינדער צו זיין זקנה: — זע־נאָר, ווער איז דאָ אין בית־מדרש, וועלכער איז געזעסן אַ גאַנצע נאַכט און אינדערשטיל געלערנט? ער מוז זיין אַן אורח, זייער אַ הייליקער מענטש, בעט אים, ער זאָל מיט אונז עסן. די זקנה האָט אַזוי געטאָן. דער גאון האָט לכתחילה ניט גע־וואָלט עסן, טאָמער וועט ניט קלעקן פאַר ביידן; נאָר דער בלינדער האָט אים זייער שטאַרק געבעטן און געזאָגט, אַז עס וועט קלעקן, ווייל זיין זקנה גייט אין די מילן און קלייבט צונויף דעם שטויב פון די מעל מיט דעם רשות [1] פון מילנער און באַקט ברויט, און דאָס קלעקט אי פאַר אונז אי פאַר נאָך אָרימע לומדים, וועלכע עסן ביי מיר. האָט אים דער גאון געפאָלגט. נאָכן עסן האָט אים דער זקן געבעטן צו זיך אויך אויף שבת און האָט אים דערציילט, אַז שבת פירט ער זיך אַזוי ווי ביי די גבירים, ווייל זיין פרוי גייט אין שחיטה־שטיבל און העלפט דאָרטן פליקן די געקוילעטע עופות, און פאַר דער טירחה באַקומט זי די פיסלעך מיט די קעפּלעך, און דערפון מאַכט זי אַ פיינעם שבת.

דער גאון האָט געגעסן ביי אים אויך שבת און האָט געזען ביים בלינדן ביים טיש פול אָרימע לומדים, מיט וועלכע דער זקן האָט זיך זייער משמח געווען. האָט זיך דער גאון זייער מצער געווען, געפינענדיק אַ מענטשן וואָס איז זיך נאָך מער פאַר אים מסתפּק במועט[2].

זייענדיק נע־ונד, איז דער גאון איינמאָל געקומען אין אַ בית־מדרש און זיך געזעצט לערנען. אינאָוונט האָט אים דער רב פון שטעטל געבעטן צו זיך אויף עסן. נאָכן עסן, אַז ס׳איז געווען שוין שפּעט, האָט ער אים שוין אויך פאַרבעטן צום נעכטיקן. און כדי צו מקיים זיין די מצוה פון הכנסת־אורחים [3] ווי דער דין איז, האָט ער אים אַליין אויסגעבעט און געגעבן זיך אים צוצו־דעקן מיט אַ פוטער פון שעפּסן־פעל.

דער רב אַליין האָט זיך אַוועקגעזעצט צום משמר, ד. ה. אויף אַ גאַנצע נאַכט צו לערנען. דער גאון, ניט וועלנדיק פאַרשעמען דעם רב, אַז זיין פוטער

[1] ערלויבעניש.
[2] באַנוגנט זיך מיט ווייניק
[3] גאַסטפריינדלעכקייט.

איז מיט שעטנז [1]), האָט אים בײַנאַכט פון זיך אַראָפּגערוקט. אינמיטן לערנען זעט דער רב, אַז דער פוטער האָט זיך אַראָפּגערוקט, האָט ער פאַרריכט איינ־מאָל און נאָכאַמאָל, אַזוי ביז זיבן מאָל. דאַן האָט דער רב געבעטן דעם גאון, ער זאָל אַליין היטן דעם פוטער, כּדי ער זאָל ניט דאַרפן מבטל זיין די צייט פון לערנען. רופט זיך אָפּ דער גאון: שטעטנז. האָט דער רב פונאַנדערגעטרענט דעם פוטער און געפונען, אַז די פעלכלעך זיינען צוגענייט מיט פאָדים. דאַן האָט דער רב דערזען, אַז זיין אורח איז אַ גרויסער למדן און ער איז שוין פון אים אַ גאַנצע נאַכט ניט אָפּגעטראָטן.

אָבער דער גאון, ווי זיין שטייגער איז, אַז ווי מען פלעגט זיך נאָר דערוויסן אַז ער איז אַ למדן, פלעגט ער גלייך נעלם ווערן, כּדי מען זאָל אים ניט אָפּגעבן כּבוד.

עס ווערט אויך דערציילט, אַז אין זשאָלקעווע איז אים אויסגעקומען צו זיין פּסח. האָט ער געבעטן דעם רב, אַז ער זאָל אים נעמען אויף פּסח, ווייל ביי אים איז דאָך געוויס מהודר און כּשר. ביים סדר האָט ער משנה געווען אייניקע מנהגים. אינדערפרי האָט עס דער רב דערציילט די לומדים אין בית־המדרש. איז געבליבן בהסכּם ביי אַלעמען, אַז אויב ער איז אַ למדן, איז גוט, נאָר אויב ניט, וועט מען אים געבן מלקות, ווייל ער האָט משנה געווען יידישע מנהגים. בייטאָג האָט אים דער רב געבעטן זאָגן תּורה, האָט זיך דער גאון אַנטזאַגט. האָט דער רב געבעטן דעם גאון אויסהערן זיינע תּורה. דער רב האָט געזאָגט אַ מוראדיקן לאַנגן פּלפּול, און דער גאון האָט די גאַנצע צייט געשוויגן. איז דער רב שטאַרק אין כּעס געוואָרן, מחמת ער האָט געמיינט, אַז ער פאַרשטייט ניט. האָט דער גאון גענומען און איבערגעזאָגט אים דעם גאַנצן פּלפּול אין צוויי ווערטער; דער רב איז נישתּומם געוואָרן פון זיין גאונות און האָט אים אָפּגעגעבן גרויס כּבוד.

אויף מאָרגן ... דער גאון נעלם געוואָרן און געלאָזן אויפן טיש געלט מיט אַ רעכענונג פאַר אַלץ, וואָס מען האָט אויף אים אויסגעגעבן.

אין ליסע איז ער אָנגעקומען, בשעת עס האָט זיך שוין געדאַרפט ענדיקן זיין גלות אָפּריכטן. אַז מ'האָט זיך פון דעם דערוואוסט, האָט מען אים מיט אַ קאַרעטע אָפּגעשיקט קיין בערלין, און דורך אַ בריוו פריער אָנגעזאָגט וועגן זיין קומען.

דאַן איז אין בערלין געווען אַ פּרנס־חודש איינער אַ גרויסע שר און צדיק ר' יעקב צבי, וועמעס שטוב איז תּמיד געווען אַ בית־ועד לחכמים [2]). דער פּרנס האָט דעם גאון זייער פריינדלעך מקבל־פּנים געווען מיט די גרעסטע כּיבודים. שבת זיינען צום פּרנס אין שטוב געקומען די גרעסטע לומדים און חכמים פון בערלין צו פאַרברענגען מיטן גאון אין תּורה און חכמה.

לעבן פּרנס האָט דאַן געוואוינט אַ פּראָפעסאָר אַ ראש פון דריי אַקאַדע־מיעס, אין בערלין, האַלע און געטינגען. אַז דער פּראָפעסאָר האָט דערהערט

---

[1]) וואָל געמישט מיט פלאַקס; אַזוינע בגדים טאָר מען על־פּי־דין ניט טראָגן.

[2]) אין זיין שטוב פלעגן זיך צוזאַמענקלייבן לומדים.

דעם גרויסן טומל און רעש, האָט ער געפרעגט דעם פּרנס, וואָס דאָס באַדייט? האָט אים דער פּרנס דערציילט, אַז ס׳איז געקומען צו אים דער גרעסטער גאון און חכם ביי יידן. דאַן האָט אים דער פּראָפעסאָר געבעטן באַקענען אים מיטן גאון, ווייל ער וויל ביי אים פרעגן אַ שאלה אין אַסטראָנאָמיע, וואָס די דערמאָנטע דריי אַקאַדעמיעס מאַטערן זיך אויף איר שוין מער ווי דריי יאָר און קענען אויף איר קיין תשובה ניט געפינען.

דער פּרנס האָט אים צוגעזאָגט. צו שלש־סעודות האָט דער פּרנס גע־פרעגט וועגן דעם ביים גאון. דער גאון האָט באַוויליקט, אַז דער פּראָפעסאָר זאָל קומען צו אים נאָך הבדלה. ווען דער פּראָפעסאָר איז געקומען און דורך אַ מליץ פאָרגעלייגט פאַרן גאון זיינע שאלות, האָט דער גאון אַ צייכן געטאָן איינִיקע ציורים[1], וואָס זיינען נוגע דער שאלה, און דער פּראָפעסאָר האָט מיט גרויס איבערראַשונג תיכף געפונען דעם ריכטיקן פּתרון[2]. דער פּראָ־פעסאָר איז אַוועק מיט גרויס שמחה און געזאָגט דעם פּרנס: אייער אורח איז גאָרניט קיין מענטש, נאָר אַ מלאך.

## דער גאון באַזעצט זיך אין ווילנע.

אין יאָר תק״ה (1745), אַז דער גאון איז אַלט געוואָרן 25 יאָר, האָט ער זיך אומגעקערט אין ווילנע, און נאָכדעם ווי די פּרנס־חדשים האָבן אים פאַר־הערט, אַז ער איז ראוי צו וואוינען אין ווילנע און באַקומען שטיצע אַלס תלמיד־חכם, באַזעצט ער זיך אין ווילנע און לערנט מיט איבערנאַטירלעכער התמדה טאָג און נאַכט. ער שלאָפט מער ניט ווי דריי האַלבע שעה ביינאַכט. ניט נאָכאַנאַנד, נאָר הפסקותווייז, און איין האַלב שעה בייטאָג; ער לערנט אפילו אויך בייטאָג ביי פאַרמאַכטע לאָדנס פאַר אַ ליכט, זיצנדיק אָנגעטאָן אין טלית און תפילין. עסן עסט ער מערניט ווי צוויי כזיתן[3] אַ טאָג.

ניט קוקנדיק אויף זיין גרויס ליבשאַפט צו די קינדער, רעדט ער מיט זיי גאָר זעלטן, אַלץ כדי ניט מבטל זיין די צייט פון זיין לערנען. זיין השגה[4] איז געווען אַזוי געוואַלדיק, אַז ער לערנט דורך אַלע חודש גאַנץ ש״ס, אָבער זיין „אהבת התורה״[5]) און זיין „יגיעת התורה״ איז גאָר מוראדיק: ער האָ־רעוועט אָפּ אַ מאָל אויף איין משנה[6]) אַ גאַנצע ווינטערדיקע נאַכט.

עס ווערט אויך דערציילט אַזאַ מעשה: זיין תלמיד, ר׳ חיים וואָלאָזשינער, א־ז געקומען צו פאָרן איינמאָל פרייטאָג צום גאון, נאָר ער איז פריער אַוועק אין מרחץ. ער האָט נאָך ניט באַוויזן אויסצוטאָן די מלבושים, איז געקומען צו אים אַ שליח פון גאון, ער זאָל תיכף קומען. בשעת ער איז געקומען, האָט ער גע־

---

[1]) געמעלן.

[2]) באַשיידונג.

[3]) אַ קליין שטיקל ברויט.

[4]) באַנעמען.

[5]) די ליבשאַפט צו דער תורה און איבערגעגעבנקייט צום לערנען.

[6]) איין זאַך פון די תנאים אין גמרא.

פונען דעם גאונס פנים שוואַרץ ווי קויל, דער קאָפּ פאַרבונדן מיט אַ טיכל און ער איז זיך זייער מצטער אויף אַ ירושלמי. ווען דער גאון האָט אים דערזען, האָט ער זיך אָפּגערופן: העלף מיר דאָ דערגיין דעם ירושלמי! מיטאַמאָל איז ער אָבער דעם ירושלמי דערגאַנגען, און דעם גאונס פנים האָט אָנגעהויבן צו שיינען פון שמחה. ער האָט אויך אָפּגעבונדן די טיכל פון קאָפּ און געבעטן דעם משרת ברענגען עסן. ר' חיים האָט געפרעגט ביי די שטוביקע, פאַרוואָס האָט ער געהייסן גראָד איצטער ברענגען עסן? האָבן זיי אים דערציילט, אַז שוין דער דריטער טאָג, אַז ער האָט ניט טועם־טעם געווען.

מיטן נאָמען גאון האָט אים צום ערשטן אָנגערופן דער „שאגת אריה"[1]. עס ווערט דערציילט, אַז ווען דער גרויסער גאון ר' אריה לייב, דער מחבר פון גוואַלדיקן ספר „שאגת אריה", איז אַלט געוואָרן 70 יאָר, האָט ער זיך אָנ־געטאָן אין לייוונטענע מלבושים און איז געגאַנגען צופוס פון שטאָט צו שטאָט אָפּריכטן גלות, ביז וואַנען ער איז געקומען אין ווילנע. הערנדיק פון גאונס גרויסקייט, איז ער אַרויף אים זען, און געפרעגט ביי אים אַ האַרבע קשיא. דער גאון האָט תיכף אים געענטפערט אַ גוואַלדיקן תירוץ, אַז דער שאגת־אריה האָט פון התפעלות אָנגעהויבן לויפן, געקלאַפּט מיטן שטעקן און געשריען: אַ גאון! אַ גאון! אַ גאון! דערנאָך איז דער „שאגת אריה" אַוועק צו ר' שמואל, דעי לעצטן רב אין ווילנע, און ביי אים אויך געפרעגט דיזעלבע קשיא. דער רב האָט געענטפערט ניט אַזאַ גוטן תירוץ, איז ער אַוועק און געזאָגט: אַ גדול! אַ גדול! אַ גדול!

דער רב האָט זיך אָבער תיכף געכאַפּט, אַז עס איז ניט דער ריכטיקער תירוץ, האָט ער געשיקט אַ שליח אָניאָגן דעם „שאגת אריה". אַז דער שליח האָט אים געבראַכט צוריק, האָט דער רב אים געזאָגט דעמזעלבן גאונס תירוץ; האָט אים דער „שאגת אַריה" געענטפערט: „איר זייט אַ גאון, אָבער אין דריי מייל אַרום"...

דער גאון איז געווען אַזוי גרויס אין דער וועלט, אַז דער אַלטער און גרעסטער גאון אין זיין צייט ר' יהונתן אייבעשיק, פּראַגער רב, האָט זיך אין יאָר תקט"ו, 1756, בשעת דער גאון איז אַלט געווען אינגאַנצן 35 יאָר, גע־ווענדט זיך צו אים, אַז ער זאָל אים פאַרטיידיקן אין זיין מחלוקת מיטן גרויסן גאון ר' יעקוב עמדן, וועלכער האָט חושד געווען ר' יהונתן צוליב זיינע קמיעות, וועלכע ער האָט געגעבן, אין גלויבן אין פאַלשן משיח שבתי צבי (דער שבתי צבי האָט מיט הונדערט יאָר פריער געשפּילט אַ ראָלע אַלס משיח און צום סוף געשמדט זיך און איז געוואָרן אַ מאַכמעדאַנער).

נאָר אויסער זיינע גאונות איז דער גאון אויך געווען אַ גרויסער חסיד[2]. נאָך אין יאָר תק"י 1750 האָט מען אים שוין געקרוינט מיטן נאָמען חסיד, צוליב

---

[1] מחבר פון אַ באַרימטן חיבור מיטן זעלביקן נאָמען.

[2] אַן ערלעכער, פרומער מאַן.

פאָלגנדיקער געשיכטע: קהל פלעגט שיקן דעם גאון זיין הספקה [1]) דורך אַ שמש, נאָר דער שמש איז געווען אַ גרויסער אָרימאַן און האָט דאָס געלט דעם גאון ניט איבערגעגעבן, און דער גאון מיט זיין פאַמיליע האָבן געליטן גרויס הונגער. איינמאָל איז געקומען זיין פרוי חנה קלאָגן פאַרן מאַן, אַז די קינדער גייען אויס פון הונגער; האָט ער איר אַ עצה געגעבן, זי זאָל אַריינגיין מיט די קינדער צו די שכנים בשעת זיי עסן, און דער שטייגער איז, אַז קינדער זעען עסנדיק, בעטן זיי אויך — וועט מען זיי דערווייל געבן. אַזוי האָט דער גאון בעסער געליטן און ניט אויסגעזאָגט, כּדי אַ יידן ניט צו פאַרשעמען. מען וואָלט וועגן דעם נאָך עד־היום ניט וויסן, ווען דער שמש וואָלט פאַרן טויט זיך ניט מתודה געווען, און געשיקט דעם גאון איבערבעטן.

עס איז אויך אינטערעסאַנט דער פאַקט, וואָס ווייזט אַרויס דעם גאונס אמתדיקייט און אויפריכטיקייט. דער גאון איז דאָך געווען אַ בכור, איז ער ניט געווען צופרידן מיטן „פדיון הבן“, וואָס זיין פאָטער האָט געמאַכט אַ חודש נאָך זיין געבורט, און האָט זיך אַלס דערוואַקסענער אויסגעלייזט פונדאָסניי ביי ר׳ מאיר הכהן ראַפּאָפּאָרט, וועלכער האָט זיין יחוס־בריוו געשריבן אויף פאַרמעט מיט גאָלדענע אותיות פון דור צו דור ביז עזרא הכהן. ער איז ניט געווען צופרידן מיטן פאָטערס פדיון, ווייל ער האָט אים אויסגעלייזט „כּמנהג העולם“, ד״ה מען גיט אויף אַ ווײַלע דעם כהן דאָס געלט, דערנאָך גיט אָפּ דער כהן צוריק דאָס געלט, כלומרשט אַלס מתנה; דער גאון האָט אָבער געוואָלט אויפרכיטיק אַוועקגעבן דעם כהן דאָס געלט מיט אַן אמת. אגב, האָט ער אויך געוואָלט ביי אַ ריכטיקן כהן.

ניט קוקנדיק, וואָס דער גאון איז געזעסן אָפּגעזונדערט אין קלויז און איז ניט געווען ניט קיין רב און ניט קיין פוסק [2]), האָט אים דאָך קיינער ניט געוואַגט איבערצופסקענען. עס ווערט דערציילט אַזאַ לעגענדע: אַמאָל, ווען אין ווילנע האָט שוין דער הייליקער שבת לאַנג פאַרשפּרייט זיינע פליגלען איבערן שטאָט, און ביי ר׳ חיים דעם שניידער אין שטוב איז געווען ליכטיק און פריילעך; ער איז זיך געזעסן אויבנאָן, אַרום אים זיינע קינדערלעך און זיינע צוויי לערנייינגלעך און זיין פרוי מלכּה האָט דערלאַנגט צום טיש איינציקווייז די שבתדיקע מאַכלים, וואָס האָבן פאַרשמעקט די גאַנצע שטוב מיטן טעם פון שבת: די געפילטע פיש, די געבראָטענע פלייש. אמת, ר׳ חיים דער שניידער איז טאַקע געווען אַ גרויסער אביון, אַ גאַנצע וואָך אָפּגעקומען מיט שיהי־פּיהי, אָבער זיין גאַנצע האָרעוואַניע האָט ער אָפּגעשפּאָרט לכּבוד דעם הייליקן שבת. זיין ווייב האָלט שוין ביים בעסטן מאַכל, דאָס איז דער שמעקעדיקער צימעס. זיין מלכּה איז שטאַרק צופרידן, וואָס ער האָט זיך אַזוי גוט איינגעגעבן, און דערווייל זינגט זיך ר׳ חיים מיט זיין קאַפּעליע מיט גרויס באַגייסטערונג דעם „מנוחה ושמחה ליהודים“[3]), און וואַרט שוין מיט אומגעדולט אויפן בעסטן מאַכל. מיט־

---

[1]) די שכירות צום לעבן.

[2]) וואָס פּסקנט שאַלות.

[3]) שבתדיקע זמירות ביים עסן.

אַמאָל קומט אַריין מלכּה מיט אַ אומעטיקן פּנים. וואָס זיך געטראָפן? פרעגט ר׳ חיים. דערציילט זיין מלכּה, אַז דאָס קריגל מילך, וואָס איז געשטאַנען לעבן צימעס, האָט זיך אויסגעקערט און אַ שפּריץ געטאָן אַ טראָפּן אויפן צימעס ר׳ חיים איז געוואָרן בלאַס און געשיקט תּיכּף דעם לערניינגל צום רב פרעגן אַ שאַלה. דאָס יינגל זאַמט זיך, און די מינוטן ציען זיך ווי יאָרן.

דערמאָנט זיך מלכּה, אַז לעבן זיי וואוינט ר׳ אליהו גאון און מ׳שיקט דעם אַנדערן לערניינגל צום גאון. ביידע יינגלעך קומען אַריין מיט צוויי תּשובות: דער רב האָט געפּסקנט „כּשר“ און ר׳ אליהו גאון „טרייף“. ר׳ חיים איז אָבער. אַ פרומער ייד, ווי אַזוי וועט ער דאָס עסן, וואָס דער גאון פּסקנט טרייף. גייט ער שוין אַליין אַוועק צום רב און דערציילט אים די גאַנצע מעשה. דער רב, ר׳ שמואלקע, איז געווען ביי זיך אַ גרויסער תּקיף, זאָגט ער צו אים: דאַגה ניט, ר׳ חיים! באַלד וועל איך מיטן גאון קומען צו דיר עסן צימעס. לויפט אַוועק ר׳ חיים מיט גרויס שמחה און דערציילט דאָס זיין פרוי. הערנדיק דאָס, איז זי געוואָרן צוטומלט פון שמחה, און אַרום שטוב איז געוואָרן אַ גרויסער רעש, פון אַלע גאַסן זיינען צונויפגעלאָפן מענטשן זען, ווי די צוויי גאונים וועלן ביי ר׳ חיים דעם שניידער עסן דעם צימעס.

ר׳ שמואלקע האָט זיך תּיכּף אָנגעטאָן און געגאַנגען צום גאון בעטן גיין מיט אים צו ר׳ חיים שניידער. דער גאון האָט זיך ניט געלאָזט בעטן, ווייל ר׳ שמואלקע איז דאָך דער „מרא דאתרא“[1]. זיינען ביידע גאונים, דער שטאָלץ פון ווילנע, געקומען צו ר׳ חיים דעם שניידער. מלכּה האָט אַראָפּגענומען לכּבוד די געסט די שענסטע פּסחדיקע טעלער און דערלאַנגט אין זיי צום טיש. פּלוצלונג האָט זיך עפּעס ווי אַ פאַרבאָרגענע האַנט אָנגערירט אָן הענגלייכטער, אַ טרייסל געטאָן אים און אַ ליכט איז אַריינגעפאַלן גלייך אין טעלער צימעס, וועלכע מלכּה האָט געטראָגן צום טיש. אַלע אין שטוב זיינען פאַרציטערט געוואָרן פון שרעק, און ר׳ שמואלקע איז אויפגעשטאַנען, צוגעגאַנגען צום גאון, איינגעבויגן זיין קאָפּ פאַר אים און געזאָגט: פון הימל האָט מען געפּסקנט „שהלכה כּמותך“ [2].

## דאָס חסידות און דער גאון.

ווי מיר האָבן אויבן דערמאָנט. איז דער גאון געזעסן גאַנצענע טעג און נעכט אין זיין פינסטערן צימער פאַר אַ ליכט־שיין און געלערנט; אין כּלל־זאַכן האָט ער זיך ניט געמישט. ער האָט אָפּגערעדט מיטן קהל, אַז מען זאָל אים אויף קיין אסיפות ניט רופן, כּדי ניט מבטל זיין אים פון לערנען, סיידן נאָר אַז עס וועט זיין זייער נייטיק צו באַטראַכטן נייע תּקנות.

האָט זיך געמאַכט, אַז מ׳האָט אים איינמאָל גערופן צו אַן אַסיפה, וואו ס׳האָט זיך גערעדט וועגן אַריינלאָזן פרעמדע אָרימעלייט. דערהערנדיק אַזוינע דיבורים, האָט דער גאון ברוגזלעך אַ פרעג געטאָן: — פאַרוואָס האָט מען מיך

---

[1] דער רב, וועמען מ׳מוז פאָלגן.

[2] אז דער דין איז, ווי דו האָסט געפּסקנט.

גערופן צו אַזאַ ענין, וואָס איז שוין לאַנג אַנטשידן געוואָרן דורך אַ גאַנץ אַלטער תקנה פון ועד „ארבע ארצות“? מיט גרויס פאַרוואונדערונג האָבן זיך די פּרנסים און די רבנים איבערגעקוקט און געזאָגט שטיל, אַז זיי איז אַזאַ תקנה גאָרניט באַקאַנט.

— איך האָב קיין טעות ניט — האָט דער גאון מיט כּעס געענטפערט,— איך מיין גאָרניט די ד׳ ארצות פון פּוילן, איך מיין די ד׳ ארצות, וועלכע מ׳האָט פאַר אַזאַ תקנה האַרב באַשטראָפט, דאָס זיינען סדום ועמורה, אַדמה וצבוים. מער איז ער שוין אויף קיין אסיפות ניט געקומען.

נאָר איין מאָל איז דער גאון אַליין אַרויס פון זיין פינסטערן צימערל. דאָס איז געווען, ווען ער האָט אָנגעהויבן זיין קאַמף קעגן די חסידים.

דער גאון האָט געהאַלטן, אַז דער עיקר אין מענטשנס לעבן איז צו אָפּהיטן אַלע מצות ריכטיק, ווי דער דין איז, און לערנען מיט התמדה די תּורה טאָג און נאַכט. ער האָט ניט געקענט דערלייבער פאַרשווייגן די חסידים, וועלכע האָבן מקיל געווען אין לערנען תּורה. מען דערציילט, אַז אַמאָל האָט איינער פון די גרינדער פון חסידות באַגעגנט אייניקע יידן, וועלכע זיינען געגאַנגען זייער פאַרזאָרגט. ער האָט זיי אַ פרעג געטאָן: — וואָס זייט איר אַזוי פאַר־זאָרגט? האָבן זיי אים געענטפערט: — מיר קאָנען ניט לערנען ווי עס באַדאַרף צו זיין, מיר קאָנען ניט דאַוונען ווי עס באַדאַרף צו זיין. האָט ער זיי געזאָגט: הערט אויף צו זאָרגן! ניט דער לערנען איז דער עיקר, די הויפּטזאַך איז די כּוונה און דאָס ריינע האַרץ.

דער גאון האָט מורא געהאַט, אַז דער חסידיזם מיט זיינע אַנדערע מנהגים אין דאַוונען און אויפפירן זיך וועט צעשפּאַלטן דאָס יידישע פאָלק, עס וועט אויך אָפּשוואַכן דעם לערנען תּורה, וועלכע ער האָט געהאַלטן פאַרן יסוד פון יידישקייט; ער האָט נאָך מער מורא געהאַט, טאָמער זיינען זיי גאָר אַ המשך פון דער סעקטע פון די פאַלשע „משיחים“: שבּתי־צבי, וועלכער האָט מיט הונדערט יאָר פריער פאַרפירט פיל יידן צום שמד אין מאַכמעדאַנישן גלויבן, און דערנאָך יעקב פראַנק, וואָס האָט דורך דיזעלבע מיטלען פאַרפירט פיל פּוילישע און פּאָדאָליער יידן צום שמד אין קריסטנטום. מורא האָבנדיק דערפאַר, האָט דער גאון אָנגעהויבן דעם פאַרעקשנטן אומברחמנותדיקן קאַמף.
דער קאַמף האָט זיך אָנגעהויבן ח׳ ניסן תּקל״ב, 1772, ווען דער גאון איז אַלט געווען 52 יאָר. דאַן איז ער אַרויס מיט אַ חרם קעגן די חסידים, וועלכן מ׳האָט אויסגערופן אין ווילנער גרויסע שול. מ׳האָט אָנגעצונדן שוואַרצע ליכט, מ׳האָט געבלאָזן שופר און מ׳האָט געלייענט דעם חרם, אונטער וועלכן עס איז געווען אונטערגעחתמעט דער גאון, דער לעצטער רב ר׳ שמואל און די איבעריקע רבנים פון ווילנע.

אין יאָר תּק״מ איז אַרויס דער חסידישער ספר „תולדות יעקב יוסף“, אין וועלכן דער מחבר איז אויך מקיל אין לערנען תּורה. אַז מען האָט דאָס איבערגעגעבן דעם גאון, איז דער גאון אין יאָר תּקמ״א ווידער אַרויס מיט אַ חרם און מ׳האָט פאַרברענט דעם ספר אויפן ווילנער שול־הויף.

צום דריטן מאָל, בשעת דער גאון איז שוין אַלט געווען 76 יאָר, האָט ער זיך דערוואוסט, אַז איינער פאָרט אַרום איבער אַלע שטעט און זאָגט, אַז ער איז דעם גאונס אַ זון, און אַז דער גאון האָט עס אים געשיקט זאָגן, אַז ער האָט חרטה אויף זיין קאַמף מיט די חסידים. דאַן האָט דער גאון נאָכאַמאָל פאַרשטאַרקט זיין פריערדיקן חרם. אין פאַרלויף פון דער צייט האָט זיך אַפילו דער פאָרשטייער פון די חסידים, דער גרויסער גאון און פילאָסאָף ר׳ שניאור־זלמן דער לאַדיער, געווענדט אייניקע מאָל צום גאון און געוואָלט אים אויפ־ווייזן, אַז די חסידים ווילן גאָרניט גרינג מאַכן דעם לערנען די תורה, אויך ניט אָפּטרעטן פון יידנטום. נאָר דער גאון האָט פאַרשלאָסן צוויי מאָל די טיר און האָט אים ניט געוואָלט אויפנעמען; ער איז בעסער אָפּגעפאָרן אויף אייניקע טעג פון ווילנע, כדי זיך ניט צו טרעפן מיט אים.

דער עקשנותדיקער קאַמף פון גאון און זיין גרויסע פּערזענלעכקייט האָט געווירקט טאַקע אויף דער חסידישער באַוועגונג גופא: זי איז ניט אַרויס פון די גרעניצן פון יידישקייט, נאָר פאַרקערט, צוגעגעבן דעם יידנטום אַזויפיל זאַפטיקייט און פרישקייט, אַז דער חסידיזם גופא איז געוואָרן אַ וויכטיקער טייל פון יידנטום.

## די חיבורים פון גאון. זיין שיטה אין לערנען. זיין השפעה און זיינע מדות.

ביז 40 יאָר האָט דער גאון אַליין געשריבן זיינע חיבורים. פון נאָך 40 יאָר אָן האָבן שוין געשריבן זיינע חיבורים די תלמידים. די תורה, וואָס זיי פלעגן הערן פון זיין מויל, פלעגן זיי תיכף פאַרשרייבן. ביז היינטיקן טאָג איז נאָך ניט פעסטגעשטעלט די ריכטיקע צאָל פון זיינע חיבורים: מען ציילט זיי זיבעציק—אָבער אַלץ ניט אויף געוויס. עס איז שוין געווען וויפל מאָל כרוזים און קול־קוראס פון די ווילנער רבנים, אַז מען זאָל מודיע זיין וועגן דעם גאונס כתבים, נאָר ביז היינטיקן טאָג איז נאָך דאָ אַ סך מאַנוסקריפּטן, וואָס מען ווייס פון זיי ניט.

אין דער יידישער ענציקלאָפּעדיע ווערט אויסגערעכנט אַ רשימה פון 54 ספרים אין אַלע מקצועות [1]) אויף תנ״ך, אויף תלמוד בבלי [2]) און תלמוד ירושלמי, אויף זוהר, [3]) אויף „קבלה“, אויף דקדוק, אויף מאַטעמאַטיק און אַנדערע חכמות.

דער גאון האָט לכתחילה ניט געשריבן זיינע ספרים אויף צו דרוקן, ער האָט עס נאָר קורץ פאַרצייכנט פאַר זיך אַליין, „הגהות‘, דאָס הייסט פאַרריכטונג פון טעותים פון די דרוקן אויף די גליונות פון די ספרים, אויף וועלכע ער האָט געלערנט. און זיין יעדער הגהה נעמט אַראָפּ גאַנצע בערג מיט פּלפּולים, עפנט אויף די אויגן און פאַרלייכט די וועלט.

די גרויסקייט פון גאון אין דעם הינזיכט האָט מען ערשט דערזען דער־

---

[1]) געביטן.

[2]) גמרות, וואָס זיינען פאַרפאַסט געוואָרן אין גלות־בבל.

[3]) זהר — דער ערשטער ספר אויף קבלה (פילאָסאָפישע שיטה וועגן גאָט און דער תורה).

נאָך, אַז מ׳האָט געקראָגן אַ צוטריט אין די אַלטע ביבליאָטעקן, האָט מען גע־פונען אין די ערשטע מאַנוסקריפטן, אַז אַלע זיינע הגהות זיינען ריכטיק. ווייל איידער עס איז נאָך געווען דער דרוק, פלעגט מען מעתיק זיין פון מאַ־נוסקריפטן, און די מעתיקים פלעגן אָנמאַכן טעותים, און דער גאון מיט זיין אומנאַטירלעכער התמדה און מיט זיינע גאונישע קריטישע פאָרשונגען פלעגט דערגיין דעם ריינעם אמת. ער איז געווען דער חכם, וואָס איז עדיף מנביא [1]). אויסער זיין איבערגעבנקייט צו דעם לערנען תורה, איז ער אויך געווען איבערגעגעבן צו אַנדערע חכמות און ער האָט אין יאָר תקל״ח, 1778, געהייסן זיין תלמיד, דעם דאָקטאָר ר׳ ברוך שיק פון שקלאָוו, איבערזעצן אייקלידוס און אַנדערע חכמה־ספרים אין העברעאיש. ער האָט גע־זאָגט, אַז דעם, וואָס פעלט איין טייל פון די ידיעות אין חכמה — פעלט אים 10 מאָל אַזויפיל אין דער ידיעה פון תורה, ווייל תורה מיט חכמה זיינען פאַר־בונדן צוזאַמען, און זיין גרויסע השפעה האָט געווירקט, אַז די תורה זאָל ניט פאַרגעסן ווערן ביי יידן.

זיין גרעסטער תלמיד ר׳ חיים וואָלאָזשינער האָט, לויט דעם וואונש פון גאון, 6 יאָר נאָך זיין טויט אין יאָר תקס״ג — 1803 — געעפנט די ישיבה „עץ־חיים“ אין וואָלאָזשין, וועלכע האָט עקזיסטירט הונדערט יאָר און אַרויסגעגעבן דער וועלט די גרעסטע גאונים און חכמים.

און זיין צווייטער תלמיד ר׳ סעדיה האָט געעפנט אַ „ישיבה“ אין ארץ־ישראל, אָנגערופן אויפן גאונס נאָמען „מדרש אליהו“, וואו מ׳האָט פאַרשפרייט זיין שיטה אין לערנען.

ר׳ חיים וואָלאָזשינער דערציילט, אַז ווען מ׳פלעגט קומען צום גאון, פלעגט די גאַנצע תורה ווערן אויסגעוועבט אויפן שוועל פון זיין חדר. ער פלעגט גאָר אַלץ אָנהייבן מיט אונז פון אָנהייב און פריער פלעגט ער לערנען מיט אונז חומש מיט רש״י מיט דקדוק, דערנאָך משנה מיט די ריכטיקסטע גירסאות, [2]), דערנאָך ערשט גמרא מיטן קלאָרן שכל אָן שום פלפול און מיט אַ טיפן פאַרשטאַנד.

דער גאון האָט אומגעקערט אַלעמען צוריק צום תנ״ך און צו וועלטלע־כע חכמות, וועלכע זיינען אין יענער צייט געווען פאַרווערט צו לערנען; ער האָט אויך אָפגעשטעלט דעם פלפול, וועלכער איז דאַן געווען זייער פאַרשפרייט אין אַלע ישיבות. איינער פון די גרעסטע פאָרשטייער פון „חכמת ישראל“ ר׳ זכריה פראַנקל דערציילט, אַז זיין „דרכי המשנה“ האָט ער געמאַכט, באַ־קאָנענדיק זיך מיטן גאונס דרך אין לערנען.

הגם דער גאון איז געווען קעגן פילאָסאָפיע, דאָך אַז מ׳איז אים געקומען מסרן אַז מען לערנט אין אַלטן קלויז דעם פילאָסאָפישן ספר „מורה נבוכים“ פון, רמב״ם, האָט דער גאון אָנגעשריען און געזאָגט, אַז דעם רמבמ״ס ספרים טאָר

---

[1]) העכער פון אַ נביא.

[2]) טעקסטן.



TARTU ÜLIKOOLI
RAAMATUKOGU

מען ניט פאַרווערן צום לערנען און מען טאָר חלילה ניט אָנרירן דעם כּבוד פון אונזער גרויסן שיין.

דער גאון איז ניט געווען נאָר איבערגעגעבן דעם לערנען. ער האָט אויך געהאַט זייער אַ וואַרים האַרץ פאַרן אָרימען און געדריקטן. זיין זון ר׳ אברהם דערציילט, אַז ער פלעגט זיך פיל אָפּגעבן מיט „פדיון־שבוים״[1]) און חתונה מאַכן אָרימע כּלות. איינער אַ ר׳ יעקב סופר פון קיידאַן, וועלכער איז געווען אַ גרויסער אָרימאַן און האָט געהאַט אַכט דערוואַקסענע מיידלעך צו חתונה מאַכן, ווי נאָר ער האָט אַריינגעשריבן אַ בקשה צום גאון, האָט דער גאון חתונה געמאַכט אַלע זיינע טעכטער.

עס ווערט אויך דערציילט, אַז דער גאון איז אַמאָל מיט זיינעם אַ נאָענט קרוב געגאַנגען אין מרחץ. איז צוגעגאַנגען איינער אַן אָרימאַן און, ניט וויסנ־דיק, זיך געזעצט אויף זיין קרובס אָרט און צוגענומען זיין שעפל. האָט זיך דער קרוב אָנגעבייזערט און אַ געשריי געטאָן: אַ העזה פון אַן אָרימאַן! דער גאון האָט דאָס דערהערט, איז ער אין כּעס געוואָרן און געזאָגט: דערפאַר וועסטו דאַרפן וואָס אַן אָרימאַן דאַרף: קומענדיק אַ היים, האָט עס דער קרוב דערציילט זיין פרוי, וואָס דער גאון האָט געזאָגט. איז געוואָרן אין שטוב אַ יללה; זיין פרוי איז גלייך אַוועק צום גאונס פרוי חנה קלאָגן: סטייטש, איר מאַן שטיצט דאָך דעם גאון, פאַרוואָס־זשע האָט דער גאון זיי געשאָלטן. איז חנה געגאַנגען צום גאון בעטן. האָט דער גאון געענטפערט: נישקשה, ער וועט שטאַרבן אַ גביר. די לעגענדע דערציילט ווייטער, אַז דער קרוב איז געשטאָרבן ערב יום־כּיפור. אינדערפרי איז ער נאָך געווען אויפן בית־עלמין, געטיילט צדקה און געגעסן פירעשקעס און צו דער סעודה־המפסקת[2]) איז ער נפטר געוואָרן. אַזוי ווי אָפּליינן די קבורה פון אַ ווילנער פּרנס־חודש, אַ גרויסער למדן, גביר און בעל־צדקה האָבן די רבנים ניט געלאָזן, האָט מען אים מקבר געווען אין איילעניש יום־כּיפור פאַרנאַכט און פון גרויס בהלה האָט מען פאַרגעסן צו נע־מען זיינע תּכריכים; און אַזוי ווי גיין צוריק האָט מען שוין ניט באַוויזן, האָט מען אים מקבר געווען אין די אָרימע תּכריכים, וועלכע געפינען זיך שטענדיק אָנגעגרייט אויפן בית־עלמין. אַזוי איז דעם גאונס וואָרט מקוים געוואָרן.

## דעם גאונס לעצטע יאָרן.

דער גאון האָ״ז אויך געשטרעבט צו פאָרן קיין ארץ־ישראל און שוין געהאַט אַוועקגעפאָרן. פון וועג פון קיניגסבערג האָט ער געשיקט צו זיין מו־טער, פרוי און קינדער פאָלגנדיקן האַרציקן בריוו, וועלכער רופט זיך „עליס לתּרופה״[3]):

„איך בעט אייך, אַז איר זאָלט זיך ניט מצטער זיין, אַזוי ווי איר האָט מיר צוגעזאָגט. עס איז דאָך דאָ פיל מענטשן, וואָס פאָרן צוליב געלט אין

---

1) אויסלייזן אַרעסטירטע פון די תּפיסות.

2) די סעודה פון פאַרפאַסטן.

3) רפואות־בלעטער.

ניט. ר׳ חיים איז באַלד אַוועק אויפן בית־עלמין, האָט זיך פאַרזאַמט אַ היפשע ווײַלע און צום סוף געקומען אויך מיט לײַדיקן...

האָט געזאָגט דער גאון: אויב אַזוי, גיי איך אַליין! אַלט און שוואַך איז שוין אין יענער צײַט דער גאון געווען. אַ זקן פון 71 יאָר. פונדעסטוועגן האָט ער זיך געשטאַרקט און איז געגאַנגען. אָן שום פחד פאַר דער פײַער־שפּריצנ־דיקער קויל איז דער גאון צוגעגאַנגען צום קבר. ער האָט נאָר איין קוק גע־טאָן און תיכף אויסגערופן: ברענגט שוין אַהער דעם מצבה־מאַכער און זאָל ער מיט זיך נעמען די פאַרב מיטן פּענזל. אַז דער מצבה־מאַכער איז געקומען, האָט צו אים דער גאון געזאָגט: — נעמט שוין און מאַכט איבער אָט דאָס, ווי עס באַדאַרף צו זײַן, ווי דער דין איז. די ברכות פון דעם כהן — דעם וואַסער־טרעגער האָבן אפשר גיכער ווי אַנדערע דערלאַנגט צום כסא הכבוד... דער מצבה־מאַכער האָט געטאָן ווי דער גאון האָט אים געהייסן און תיכף איז פון דער קויל אַרויס אַ רויך, אין וועלכן זי איז פאַרשוואונדן געוואָרן... עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אויפן שפּיץ מצבה האָט אין דער געמעלאַכץ פון די צום דוכענען צונויפגעלייגטע הענט געפעלט דער קליינער פינגער פון דער רעכטער האַנט.

פון גאונס לעצטע יאָרן ווערט דערציילט אַזאַ לעגענדע: אין זײַנע צײַטן איז געווען אין ווילנע אַ אוניווערסיטעט. האָט זיך דאָרט איינמאָל געמאַכט אַ מאַטעמאַטישע הארבע שאַלה, וואָס קיינער פון די פּראָפעסאָרן האָט עס ניט געקענט באַשיידן; האָט זיך געפונען איינער אַ יידישער סטודענט, וואָס הערנדיק וועגן גאונס גרויסקייט אין תורה און חכמה, האָט ער זיך דערשלאָגן צום גאונס אַ תלמיד און געבעטן אים פאָרלייגן די שאַלה דעם גאון. דער תלמיד האָט אים זײַן בקשה ערפילט און דער גאון האָט גענומען אַ פּעדער, אַ צייכן געטאָן — און פאַרטיק. אַז דער סטודענט האָט עס איבערגעגעבן די פּראָפעסאָרן, זײַנען זיי אַרויס פון די כלים און אויסגעשריען, אַז ער איז גאָר אַ מלאך. פון דאַ־מאָלסט אָן, בשעת עס פלעגט זיך מאַכן עפּעס אַ שווערע שאַלה, פלעגט מען שוין גלײַך שיקן צום גאון.

ווען דער גאון איז נסתלק געוואָרן, איז די שטאָט אַזוי לײַדיק געוואָרן, אַז ס׳איז ניט געבליבן אַ מנין צו מנחה. דער רעש האָט דערגרייכט ביזן אוני־ווערסיטעט און פיל פון די פּראָפעסאָרן צוזאַמען מיט די סטודענטן זײַנען אויך געגאַנגען צו דער לוויה פון גרויסן גאון.

דאַן האָבן זיך דריי ניט־יידישע סטודענטן צונויפגערעדט אַרויפצוגיין אויפן בית־עלמין זען דעם אָרט פון זײַן קבר און בײַנאַכט אים אַרויסגנבענען, כדי צו זען דעם וואונדערבאַרן מאַרך פון דעם גרויסן גאון.

זיי האָבן אַזוי געטאָן. נאָר בײַנאַכט, נאָר ווי זיי זײַנען נאָר צוגעגאַנגען צום גדר פון בית־עלמין, איז אויף זיי אָנגעפאַלן אַזאַ פחד, אַז פון שרעק זײַנען זיי געליימט געוואָרן און מ׳האָט זיי געפונען קוים לעבעדיקע.

—◎◎◎—

